וואַרפֿט אַראָפּ זייַנע אומצייַטיקע פּירות, ווען גע־
14 טרייסלט פֿון אַ גרויסן שטורמווינט. און דער הימל
איז פֿאַרשוואונדן, ווי אַ מגילה ווערט צונויפֿגעוויקלט;
און אַלע בערג און אינזלען זענען אַוועקגעשטויסן
15 געוואָרן פֿון זייערע ערטער. (ישעיהו לד, ד.) און די
מלכים פֿון דער ערד, און די גרויסע לייט, און די
הויפּטלייט, און די עשירים, און די מעכטיקע, און
אַלע קנעכט און פֿרייע מענטשן, האָבן זיך פֿאַרבאָרגן
16 אין די היילן און צווישן די פֿעלזן פֿון די בערג; און
האָבן געזאָגט צו די בערג און פֿעלזן: פֿאַלט אויף
אונז, און פֿאַרבאַרגט אונז פֿון דעם פּנים פֿון דעם,
וועלכער זיצט אויפֿן כסא־הכבוד, און פֿון דעם צאָרן
17 פֿון דעם לעמעלע! (ישעיהו ב, יט־כא.) ווייל עס איז
געקומען דער גרויסער טאָג פֿון זייער צאָרן; און
ווער איז בכוח בייצושטיין? (מלאכי ג, ב.)

## קאַפּיטל זיבן

7

1 נאָך דעם האָב איך געזעען פֿיר מלאכים שטיין
אויף די פֿיר עקן פֿון דער ערד, האַלטנדיק די
פֿיר ווינטן פֿון דער ערד, כדי אויף דער ערד זאָל
נישט בלאָזן קיין ווינט, נישט אויפֿן ים, נישט אויף
2 קיין שום בוים. און האָב געזעען אַן אַנדערן
מלאך אַרויפֿשטייגן פֿון מזרח זייט פֿון דער זון,
האָבנדיק די חתימה פֿון דעם לעבעדיקן ג־ט,
און האָט אַ געשריי געטון מיט אַ הויך קול צו
די פֿיר מלאכים, וואָס עס איז זיי געגעבן געוואָרן
3 צו שעדיקן די ערד און דעם ים, אַזוי צו זאָגן:
שעדיקט נישט די ערד, נישט דעם ים, נישט די
ביימער, ביז מיר וועלן חתמענען די קנעכט פֿון
4 אונזער ג־ט אויף זייערע שטערנס. און האָב געהערט